Advertisement

# ארץ ישראל אויף רעדער צוליב טריפה פּאַרמעט

## די פּרשה פון פינקל פון מאָנסי, די זעלבע ווי קראָקע, חזרט זיך איבער ביים קלף. דער חילוק איז אַז פינקלס מעשה איז געווען אַן ערך פון 12 יאר, און די קלף טראַגעדיע איז אַלט 32 יאר לערך.

◆ פון אשר וויינער/בני ברק

די שערוריית הקלף איז מוראדיק: די גאַנצע וועלט איז פאַרשפרייט מיט קלף פאַר ספרי תורות, תפילין ומזוזות, וואָס קומען פון עזה בית לחם, יריחו, יאַפאַן, סין, רוסלאַנד, אַמעריקע, ועוד.

די שומרי הגבול אין ארץ ישראל האָבן געכאַפּט די אַראַבער ווען זיי זענען געקומען מיט אַ טרעילער אָנגעפּאַקט מיט זעק פון קלף (פאַרמעט) פאַר ספרי תורות תפילין און מזוזות, ווען די משמרת הגבול (סאָלדאַטן וואָס גיבן אכטונג ביים גרענעץ), האָבן זיי געפרעגט, וואָס טוט איר מיט דעם? האָבן זיי געענטפערט, זיי פאַרקויפן עס אין בני ברק.

די חיילים האָבן געבעטן די טעלעפאָנען מיט אַדרעסן פון די סוחרים. די אַראַבער האָבן זיי דאָס געגעבן. זיי רופן אָן דעם טעלעפאָן. ווי דערציטערט זענען זיי געוואָרן ווען דער ענטפער איז געווען "תשמישי קדושה".

עס זיינען אַרויסגעקומען צענדליקער קונטרסים מיט קול קוראס וועגן דעם גרויסען מכשול.

עטליכע סופרים האבן געשריבן אין די צייטונגען המודיע, יתד נאמן, דער בלאַט, דער איד, די צייטונג, א.ד.ג. זיי האָבן מפרסם געווען מודעות, אז לויט דעם פסק פון רבנים וואס האבען דן געווען איבער דעם מכשול, זענען זיי גרייט צוריקגעבן דאָס געלט, אויב זיי האָבן געשריבן אויף קלף אָן אַ הכשר, אויך אַ מלמד וואס לערנט סופרים און האט זיין תלמיד מייעץ געווען אז ער זאל שרייבען אויף געוויסע סארט קלף, ווייל ער האט זיך נישט אינטערעסירט אז עס איז דא קלף מיט א הכשר, איז ער אויך א מכשיל את הרבים, און איז גרייט צו באצאלן פאר די קונים וואס מען האָט זיי געשריבן אויף נישט כשרע קלף.

דער האָלמינער רבי האָט מיט 32 יאר צוריק געשריבן גאנצע בריוו צו צענדליקע רבנים אין אמעריקע און א"י און געדרוקט צענדליקע קונטרסים וועגן סת"ם, און די מכשולים פון קלף.

אַ ליובאַוויטשער חסיד, הרה"ג רבי אליעזר זורקין שליט"א פון קרוינהייטס האָט אויך מרעיש עולמות געווען בימים ההם (שנת תשמ"ד) וועגן דעם מכשול פון קלף וואָס ווערן געמאַכט ביי גוים אָן קיין שום הכשר, ער האָט אויך געשריבן מודעות אין בתי מדרשים. ער האָט אויך אריינגעלייגט די מודעה אין דזשואיש פרעס.

הרב זורקין פלעגט אַליין מאַכן די קלף פאַר זיינע קונים.

אַדאַנק מרן כ"ק אדמו"ר מליובאַוויטש זי"ע ועכי"א ווען ער איז אַרויסגעקומען מיט די מבצעים אז יעדער זאָל שרייבן אַן אות אין די תורה, האָט הרב זורקין געהאַט אַ סך באַשטעלונגען פון ספרי תורות און ער האָט נישט געקענט נאָכקומען די גרויסע אָרדערס צו שרייבן און אויך צו מאַכן אליין קלף, איז ער געגאַנגען צו די גרויסע קאָמפּאָנים, און דאָרט איז ער געוואויר געוואָרן אַז מען איז שוין מכשיל יאָרן לאַנג א גרויסן חלק פון כלל ישראל מיט נישט כשרע קלף.

הרב זורקין האָט בשעתו אנגעפרעגט פון אַ סך רבנים גדולי הפוסקים, בתוכם כ"ק אדמו"ר מאונגוואר הגה"צ רבי מנשה קליין שליט"א בעל משנה הלכות כ"ד חלקים, כ"ק אדמו"ר מאודווארי שליט"א, הגהצה"ק רבי רפאל בלום זצ"ל, און אויך גאבי"ד עדה החרדית הרב ווייס זצ"ל, און נאָך גדולי ישראל.

צוליב דעם גרויסן מכשול האָט ער אויסגעלערנט אַ סך תלמידים אַליין צו מאַכן קלף, און עד היום הזה איז ער גרייט צו לערנען תלמידים בחנם. (אשרי חלקו).



דער קלויזענבערגער רבי, כ"ק אדמו"ר ר' יקותיאל יהודה האַלבערשטאַם זצ"ל



הגה"צ גאב"ד קאַשוי, כ"ק אדמו"ר ר' רפאל בלום זצ"ל

ער האָט געשריבן אין די מודעה אין די צייטונג אז ער איז גרייט איבער צו שרייבען פאַר יעדן בחינם, (אדער ער גיט צוריק די געלט) פאר אלע וואס ער האָט געשריבן אויף פסולע קלף.

הגה"צ רבי נחום ראָזנבערג, רב המקוואות האַלט אין איין מעורר זיין אויף זיין האַט ליין, וועגן דעם גרויסן מכשול פון פסולע קלף וואָס די סוחרים פאַרנאַרן די סופרים כאילו אַז די קלף אן א הכשר איז כשר. די סוחרים, פארשטייט זיך, מאַכן 75 פראָצענט מער אויף יעדן שטיקל קלף וואס זיי קויפן פון יריחו עזה אדער סין, ממילא ווילן זיי אונדז איינרעדן אז די קלף איז כשר, זיי זאגן אַז די קלף האט קיינמאל נישט געהאט קיין הכשר, פונקט אזוי ווי פינקל פון מאָנסי און די קראָקער קצבים.

יעצט ב"ה איז געווארען אַ גרויסער איבערקערעניש, אז די קונים רופן די סוחרים מיט די סופרים צו א דין תורה, ווייל זיי פארלאנגען צוריק די געלט, נאך דעם ווי סוחרים קענען נישט ווייזן אז זיי האָבן געקויפט כשרע קלף.

די סופרים האָבן אנגערופן הרב ראזנבערג, זיי דערציילן אז יעדן טאג קומען צענדליקע אידן איבערשרייבן נייע תפילין אויף א כשרן קלף פון נעפארסטאק פון בית שמש, וואס דאס איז דער מהודרדיקע קלף, און אויך אין קוואליטעט איז עס בעסער ווי אלע קלפים ווי דער גרויסער סופר הרב זיידא פון וויליאמסבורג איז מעיד, אויך בשם צענדליקע סופרים. (מען קען הערען דעם האַט-ליין: 212-461-2778).

אַ מוראדיקע מעשה מיט קלויזנבורגער רבי זי"ע:

אין יאר תשמ"ד ווען די קול קוראס זענען אָנגעקומען צום קלויזנבורגער רבין זי"ע, איז דער רבי געווען אין האָספּיטאָל נאָך אַ האַרץ אַפּעראַציע. דער גבאי בן-דוד (18 יאָר משב"ק) האָט אים דערציילט וועגן דעם גרויסן מכשול פון קלף, האָט דער רבי זייער געקרעכצט און געוויינט, בזה הלשון: אוי וויי!

"איך האָב לײדער נישט קיין כוח, איך בין זייער שוואַך, איך וואָלט געדארפט איבערדרייען די וועלט, אוי וויי! אוי וויי! וואָס קען איך טאָן... איך בעט אייך ברחמים, מען זאָל שוין רעדן מיט אלע גדולי הרבנים פון א"י און פון חו"ל זיי זאָלן מעורר זיין איבער דעם ענין און מתקן זיין.

דער סך הכל איז געווען: מען האָט גערעדט מיט די גדולי א"י, זיי האָבן געטענהט אַז אַזוי ווי מען מאַכט דאָס אין חו"ל באַלאַנגט דאָס צו די חו"לדיקע רבנים.

די רבנים אין חו"ל האָבען געזאָגט אַז אַזוי ווי דער בעל המפעל איז פון א"י, באַלאַנגט דאס צו זייערע רבנים, ויצא העגל הזה, עס איז דורכגעלאָפן נאָך עטליכע און 20 יאָר, און אידן איבער די גאנצע וועלט ווערן נכשל מיט קלף פסול.

ב"ה היינט זיינען שוין דאָ 7 מפעלי קלף מיט אַ השגחה, 3 קלף עבודת יד מיט די השגחה פון די עדה החרדית. 4 מפעלים עבודת מכונה מיט די השגחה פון הרב וואזנער.

די אַרבעט פון אלע רבנים איז אַז זיי זאָלן מעורר זיין אין זייערע דרשות, אז קיין איין איד זאל נישט קויפן קיין שום סת"ם, ספרי תורה תפילין און מזוזות נאָר מיט אַ הכשר.

צום אויספיר: די אַלע וואס גייען קויפן ספרי תורה, תפילין, מזוזות, מגילות, און ווילן זיין זיכער אז זייער סת"ם איז געשריבן געווארן אויף קלף מיט אַ הכשר (זאָלן נישט זיין צועקים לשעבר, און נכשל ווערן מיט ברכות לבטלה פון תפילין ספרי תורה מזוזות ומגילות, נאר) זאלן זיך אויסנעמען מיטן סופר אז זיי ווילן אויסדריקלעך קלף נאָר מיט א הכשר!

עבודת יד בהכשר הבד"ץ עדה החרדית איז לכתחילה למהדרין, אָדער בדיעבד עבודת מכונה בהכשר בד"ץ שבט הלוי ב"ב.



דער האָלמינער רבי הגה"צ רבי שלום יהודה גראס (א מחבר פון קרוב צו 1000 ספרים און קונטרסים) פון אמעריקא וואס האט עולה געווען לארצינו הקדושה בעת א שטורעמישן מיטינג מיט הגאון הרב משה לנדא שליט"א, דער רב פון בני ברק, וועגן די טריפהנע קלפים.


## מודעה להציל את הרבים ממכשול

ב"ה, י"ב תשרי שנת השמיטה תשס"ח לפ"ק

**לאור שערוריית הקלף בחודש אלול תשס"ז לפ"ק, שיש איזה פאבריקע"ן של קלף, שתפסו אותם שעושים קלף לסת"ם אצל עכו"ם בלי עיבוד לשמה, והם פסולים לגמרי רח"ל.**

**עשיתי שאלת חכם ושאלתי כמה רבנים מובהקים מארץ ישראל ומחו"ל, וכולם פה אחד ענו ואמרו שאני מחויב להחזיר הכסף, או לחזור ולכתוב בחנם על קלף עם הכשר, לכל אלו שכתבתי להם ס"ת/תפילין/מזוזות/ומגילות, על קלפים האלו.**

**ובזה אני פונה כאן לכל הקונים שלי בארצינו הקדושה ובחוץ לארץ שכתבתי להם סת"ם, שידעו שהסת"ם האלו יכול להיות שהם פסולים גמורים רח"ל, וימחלו נא לפנות אלי בטלפון ואני אשתדל בל"נ ובעזה"ה להחזיר להם את הכסף של אלו הסת"ם, או לחזור ולכתוב להם בחנם על קלף כשר עם הכשר.**

**ובינתיים לא ישתמשו כלל באלו הסת"ם ויגנזו אותם כמאמר הכתוב אל תשכן באהלך עולה. ובזה יצאתי ידי חובתי ואת נפשי הצלתי.**

**הקי' שמואל נתנאל בלום – סופר סת"ם**

**נכד לאא"ז הגה"ק מקאשוי זצוקללה"ה**

פה עיה"ק בית שמש ת"ו

(מלפנים בקרית יואל ניו יארק)

**02-991-0591**

## הצלת הרבים ממכשול

ב"ה, ח"י תשרי ג' דחוהמ"ס תשס"ח לפ"ק

**לאחר שאלת רבים וכן שלימים שקבלתי מאות טלפונים לאור הפרסום הקודם בגליון י"ד תשרי תשס"ח, רציתי להוסיף כמה נקודות חשובות:**

א. רבנים חשובים התקשרו אלי וחיזקו אותי מאוד.

ב. נתוודעתי שעשרות רבנים פוסקי דורינו (מביניהם: בד"ץ עדה החרדית, ובי"ד של הרב וואזנער שליט"א, ועשרות רבנים מארה"ב וכו') פסקו ופירסמו במודעות מיוחדות ונדפסו בעיתונים כבר בחודש טבת תשס"א לפ"ק "<u>שאסור להשתמש בקלף בלי הכשר</u>", עיי"ש.

ג. אחר השערורייה פניתי להמלמד שלימד אותי סת"ם (בשכר) שהדריך אותי לכתוב על קלפים מסויימים בלי הכשר, מפני שהם טובים ונוחים מאוד לכתיבה. ופנינו לפוסק גדול על מי מוטל האחריות לשלם על הסת"ם שכתבתי על קלף בלי הכשר, ופסק שעל שנינו ביחד מוטל האחריות לשלם, (ולא זאת בלבד אלא שהסוחרים המוכרים קלף בלי הכשר ג"כ צריכין לשלם), והפוסק הנ"ל גם הוציא מארון הספרים שלו והראה לנו 6 קונטרסים ועשרות מודעות בענין "<u>שסופר סת"ם אסור לכתוב על קלף בלי הכשר</u>", והמלמד נזדעזע מאוד שלא ידע כלל מכל זה, והציע לי שהוא מוכן לעזור לשלם להקונים שלי.

**הקי' שמואל נתנאל בלום – סופר סת"ם**

**נכד לאא"ז הגה"ק מקאשוי זצוקללה"ה**

פה עיה"ק בית שמש ת"ו

(מלפנים בקרית יואל ניו יארק)

**02-991-0591**


Advertisement